בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִיש

פָּרָשַׁת חֻקַּת

תשע"ז

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

---

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
HEICHAL HAKODESH WILLIAMSBURG
**27 Skillman Street**
**718-384-1652**

**היכל הקודש מאנסי**
HEICHAL HAKODESH MONSEY
**32 Dolson Rd.**
**347-733-7551**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Hayes Ct.**
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
HEICHAL HAKODESH KIRYAS JOEL
**8 Premishlan Way**
**845-243-0563**

---

**בארץ ישראל:**

**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**

שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהסייתדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל

**רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225**

**טלפון רב קווי 04-6708356**

**פקס: 04-6708359**

---

Visit our website: www.breslevcity.co.il

לשמוע השיעורים: 212-444-9191

Find our entire book selection at:

**AMAZON.COM**

To donate and/or sponsor one of our books please call: **845-248-1651**

בעזהשי"ת -ערב שבת קודש פרשת קרח, כ"ט סיון, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מיין טייערע ... ני"ו**

דו האסט מיר נעכטן נאכט גערופן און פארציילט אז די הנהלה האט זיך גענומען אויף דיר, און אויף האברך היקר ... ני"ו; זיי האבן ענק געווארנט אז אויב איר פארט קיין אומאן דאס יאר אויף ראש השנה, וועט איר ווערן אפגעזאגט פון אייער מלומדות. וואס זאל איך דיר זאגן, עס רייסט דאס הארץ פארוואס דער רבי איז אזוי פארשעמט, פארוואס קען יעדער אינגערמאן פארן צו זיין רבי אויף יום טוב - צו וועם אימער, פארוואס קען יעדער ארבעטער פארן וואו ער וויל פאר א וואקאציע, אבער אויב מען ווערט געוואר אז מען וויל פארן קיין אומאן אויף ראש השנה איז הימל און ערד, אלעס שטעלט זיך אפ, און מען איז מקפח די פרנסה וכו' וכו'.

וויל איך דיר אביסל מחזק זיין; וויסן זאלסטו אז פרנסה קומט נאר פונעם אייבערשטן, אזוי ווי חז"ל זאגן (תענית ב.): "אמר ר' יוחנן, ג' מפתחות בידו של הקב"ה שלא נמסרו ביד שליח", און איינע פון די מפתחות איז דער שליסל פאר פרנסה. קיינער קען נישט צו נעמען פון א מענטש זיין פרנסה, און קיינער קען נישט געבן פאר א מענטש פרנסה, נאר דער אייבערשטער, וואס ער איז דער זן ומפרנס לכל.

דערפאר בעט איך דיר טייערע חבר, קודם כל פארליר דיך נישט, עס וועט גארנישט געשען אז דו וועסט טרעפן א בעסערע און גרינגערע פרנסה וכו'; חוץ מזה זאלסטו וויסן אז ביז ראש השנה איז דא אסאך צייט, און די אלע וואס זענען פארנומען צו רודפ'ן די וואס פארן צום רבי'ן קיין ראש השנה, וועלן פארנומען ווערן מיט זיך, און זיי וועלן נישט האבן קיין צייט צו טראכטן פון א צווייטן.

עס איז כדי אז דו זאלסט לערנען די מעשה פונעם חיגר (סיפורי מעשיות, מעשה ג) וואס דער רבי האט דערציילט, דארט וועסטו האבן גרויס התחזקות; דער רבי האט דערציילט אז יעדעס מאל ווען עס ווערט א נייע קעניג ביי די שדים, זאגט דער קעניג, אז ער גייט אויס רייסן דעם בוים; וואס דער בוים, דאס איז דער הייליגער רבי אזוי ווי עס שטייט אין זוהר: "עץ - דא צדיק", און דער קעניג פון די שדים גייט מיט אלע

שרים מיט גרויס שמחה און מיט גרויס גאוה אויס רייסן דעם בוים, אבער אזוי ווי ער קומט נאנט צום בוים, גיבט דער בוים אויף אים א געשריי, אז ער ווערט דערשראקן און לויפט אוועק, עיי״ש.

דאס קענסטו ממש זען ביי דיין מעשה; יעדע פאר יאר קומט א נייער מחוצף אן עזות פנים אין די הנהלה, און אנשטאט ער זאל זיך פרייען אז ער האט אפאר ערליכע מלמדים ברסלב׳ער תלמידים, וואס לעבן מיטן אייבערשטן, זיי לייגן אריין אמונה פשוטה אין די ריינע קינדערלעך, זיי דאוונען ערליך, נישט ווי אנדערע מלמדים וואס באהאלטן זיך אינמיטן טאג ערגעץ אין א ווינקל אנצוטון טלית ותפילין - טאג איין טאג אויס; אנשטאט זיך צו פרייען מיט ענק, נעמט ער ענק אפיר און סטראשעט ענק אז אויב איר וועט פארן קיין אומאן אויף ראש השנה וועט מען ענק צונעמען ענקער פרנסה.

אבער אז דו וועסט גוט קוקן וועסטו זען אז ווען עס קומט ראש השנה זענען זיי שוין לאנג פארנומען מיט זיך, ווייל דער בוים גיבט אויף זיי א געשריי אז עס פאלט אויף זיי א פחד וכו׳, אדרבה, פרעג האברך היקר ... מיט וויפיל מנהלים ער איז שוין געזיצן, און וויפיל מאל מען האט אים געווארנט וכו׳ וכו׳, אבער למעשה איז ער יעדעס יאר בייגעשטאנען זיין נסיון, און געקומען קיין אומאן אויף ראש השנה.

דאס איז ממש די מעשה פון די שדים, וואס יעדע פאר יאר קומט א נייער קעניג, א נייער מחוצף און עזות פנים, חז״ל זאגן (סנהדרין, קה.): ״אמר רב ששת, חוצפא - מלכותא בלא תאגא היא״, א מחוצף מיינט ער איז א קעניג, און יעדער טראכט: ׳איך וועל יא אויסרייסן דעם בוים - דעם הייליגן רבי׳ן׳, אבער געדענק וואס דער רבי האט געזאגט: ״נצחתי ואנצח, גמרתי ואגמור, איך האב אויסגעפירט און איך וועל אויספירן, איך האב געענדיגט און איך וועל ענדיגן״. דאס זעט מען ממש היינטיגע צייטן ווי דער רבי נעמט איין דער וועלט, און אט אט קומט שוין משיח צו גיין; דער רבי האט געזאגט: ״משיח וועט איינעמען דער וועלט אן קיין איין שאס פולווער״, ער וועט איינעמען דער וועלט מיט תפילה. דאס הייסט, ער וועט אריין ברענגען אין יעדן

איינעם אז מען זאל נישט זיין פארנומען מיט א צווייטן, נאר יעדער זאל נאר זיין פארנומען מיט זיך אליין.

משיח וועט אויס לערנען צו רעדן צום הייליגן באשעפער אזוי ווי עס שטייט (צפניה ג, ט): "אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה׳ לְעָבְדוֹ שְׁכֶם אֶחָד", יעדער וועט רעדן צום אייבערשטן, און יעדער וועט אוועק ווארפן די געלט, אזוי ווי עס שטייט (ישעיהו ב, כ): "בַּיּוֹם הַהוּא יַשְׁלִיךְ הָאָדָם אֵת אֱלִילֵי כַסְפּוֹ, וְאֵת אֱלִילֵי זְהָבוֹ", און דאס טוט דער רבי שוין יעצט מיט אונז, ווייל ווער עס פאלגט דעם רבי׳ן, און ווער עס לעבט מיט דעם רבינ׳ס עצות - אים קען מען נישט סטראשען מיט פרנסה, אים קען מען נישט אנשרעקן, ווייל ער ווייסט אז ער גייט נישט דא בלייבן אויף אייביג, און נאך אביסל דארפן מיר אלע צוריק גיין צום אייבערשטן. דארט וועט גארנישט ניצן, און דארט וועט מען זיך נישט קענען זיך ארויסדרייען פון די גרויסע עונשים, אבער מיר וועלן גלייך גיין צום רבי׳ן, און דער רבי מיט זיין גרויס רחמנות וועט אונז פארעכטן.

איך בין זייער פארנומען און איך האב נישט קיין צייט צו שרייבן, אבער איך האב געזען ווי פארלוירן דו ביסט, און ווי שטארק דערשראקן דו ביסט, האב איך דיר געשריבן אפאר ווערטער.

ווייז די בריוו פאר ..., ווייל אים האט מען אויך נעכטן געסטראשעט, געדענק וואס דוד המלך זאגט (תהלים כ, ט): "הֵמָּה כָּרְעוּ וְנָפָלוּ, וַאֲנַחְנוּ - קַמְנוּ וַנִּתְעוֹדָד".

איין זאך בעט איך דיר. דו זאלסט זיך נישט מתחצף זיין, און ענטפער נישט צוריק; זיץ שטיל ווען מען האלט דיר פאר, און אויב דריקט מען דיר צו צום וואנט, זאג זיי: "איך וועל עס אדורך טראכטן"

א גוט שבת.

...

בעזהשי״ת - ערב שבת קודש פרשת קרח, כ״ט סיון, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד מרת ... תחי׳.**

איך בין זייער צעשאקעלט פון די מעשה וואס די האסט מיר דערציילט וכו׳. דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז דו זאלסט פטור ווערן פון די גאנצע מעשה; איך וואלט דיר געזאגט אז דו זאלסט נישט עדות זאגן קעגן דעם גוי, ווייל מיט א גוי איז נישט כדי צו האבן צו טון, זיי זענען עליל אויף שפיכות דמים.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט זיין רואיג און דו זאלסט נישט האבן קיין פחדים; געוואוין דיך צו, צו זאגן יעדן טאג תהילים, וועסטו פטור ווערן פון אלעם שלעכטס. דער רבי זאגט (ספר המידות, אות התנשאות, סימן כז) אז דורך זאגן תהילים באקומט מען א ישועה.

א גוט שבת.

...

בעזהשי״ת - יום א׳ פרשת חקת, ב׳ דראש חודש תמוז, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב זייער הנאה צו הערן אז דו ביסט זיך מחי׳ ומחזק מיט די שיעורים - סיי דו און סיי דיין ווייב תחי׳, ווי אויך אז דו האסט אנגעהויבן צו לערנען אויפן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי׳ן; זייער אסאך מענטשן לערנען נעבעך נישט ווייל זיי ווייסן נישט פון די זיסע געשמאקע דרך הלימוד וואס דער רבי האט אונז געגעבן (שיחות הר״ן ע״ו), ״שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין״, אז מען דארף נישט פארשטיין ווען מען לערענט, מען דארף נאר לערנען און זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען לערענט, און במשך די צייט וועט מען זוכה זיין צו פארשטיין.

בענין וואס דו פרעגסט מיר, אז אסאך מאל דאווענט מען און מען בעט דעם אייבערשטן אויף א געוויסע זאך, און מען באקומט עס נישט. ווען ווייסט א מענטש אז ער דארף אויפהערן צו בעטן, ווייל עס איז נישט גוט פאר אים, און ווען דארף מען ווייטער בעטן; וויסן זאלסטו עס איז נישט דא אזא זאך אז א מענטש זאל אויפהערן צו בעטן אויף א זאך וואס ער דארף, אזוי ווי חז״ל זאגן (ברכות לב:): ״אָמַר רַבִּי חָמָא בְּרַבִּי חֲנִינָא אִם רָאָה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נַעֲנָה יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵּל״, א מענטש וואס האט געבעטן דעם אייבערשטן אויף א זאך, און ער זעט אז ער האט עס נישט באקומען, זאל ער נאכאמאל בעטן, אזוי ווי עס שטייט (תהלים כז, יד): ״קַוֵּה אֶל ה׳, חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ, וְקַוֵּה אֶל ה׳״.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן קצו): ״אָסוּר לָאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ בִּתְפִילָּתוֹ - שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ דַּוְקָא אֶת בַּקָּשָׁתוֹ, כִּי זֶה הוּא כְּמוֹ לוֹקֵחַ דָּבָר בְּחָזְקָה, בִּגְזֵלָה; רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יִתֵּן, וְאִם לָאו לָאו״, א מענטש טאר זיך נישט איינ׳עקשנ׳ען ביים אייבערשטן אז דער אייבערשטער מוז אים טון אזוי און אזוי, נאר ווי אזוי דארף מען מתפלל זיין? מען דארף בעטן מיט רחמנות, אזוי ווי איינער בעט זיך ביי איינעם אז מען זאל רחמנות האבן אויף אים. ווידעראום זאגט דער הייליגער רבי (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן מח): ״וְצָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לִבְלִי לְהָנִיחַ אֶת מְקוֹמוֹ, דְּהַיְנוּ מְעַט מִקְּצָת עֲבוֹדָתוֹ שֶׁהִתְחִיל, אַף אִם יַעֲבֹר עָלָיו מָה, וּזְכֹר דָּבָר זֶה הֵיטֵב, כִּי תִּצְטָרֵךְ לָזֶה מְאֹד, כְּשֶׁתַּתְחִיל קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, כִּי צָרִיךְ עַקְשָׁנוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד, לִהְיוֹת חָזָק וְאַמִּיץ, לֶאֱחֹז עַצְמוֹ לַעֲמֹד עַל עָמְדוֹ״, א מענטש דארף זיין א גרויסער עקשן, און נישט אפלאזן וואס ער טוט - סיי און תורה, סיי אין תפילה.

לכאורה זעט דאס אויס ווי א שטיקל סתירה; דא זאגט דער רבי אז מען דארף זיין א גרויסער עקשן און נישט אפלאזן און נישט אויפהערן צו בעטן, און פריער זאגט דער רבי אז מען טאר נישט גיין מיט עקשנות? נאר וואס דען, מוהרא״ש ז״ל האט דאס זייער שיין מסביר געווען, אז דאס איז בכלל נישט קיין סתירה, ווייל א מענטש דארף זיין א גרויסער עקשן בעבודת השם און נישט אפלאזן צו דאווענען און צו לערנען,

אפילו דער מענטש זאל הערן א בת קול פון הימל אז מען דארף אים נישט, און אפילו עס זאלן קומען מלאכים מיט נשמות פון הימל אים זאגן: ״מען דארף דיר נישט״, זאל ער זיך נישט וויסענדיג מאכן, נאר ווייטער אנגיין מיטן לערנען און דאווענען. און אפילו ער זעט אז ער פארשטייט נישט וואס ער לערנט, דארף ער זיין אן עקשן גדול און ווייטער פאלגן דעם הייליגן רבי׳ן און לערנען אויף זיין סדר דרך הלימוד. אזוי אויך, אפילו עס דאכט זיך פארן מענטש אז ווען ער דאווענט הערט אים קיינער נישט אויס, און ער שפירט ווי זיינע תפילות זענען נישט חשוב, אויף דעם זאגט דער רבי: ״וְצָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לִבְלִי לְהָנִיחַ אֶת מְקוֹמוֹ״.

אבער פון דער אנדערע זייט דארף מען אכטונג געבן נישט צו זיין א דוחק את השעה, אזוי ווי חז״ל זאגן (ברכות סד.): ״כָּל הַדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה - הַשָּׁעָה דּוֹחַקְתּוֹ״, ווער עס עקשנ׳ט זיך - ער זאגט ׳עס מוז יעצט געשען דאס און דאס׳, דער וועט ווערן זייער אנטוישט און צעבראכן. נאר מען דארף וויסן אז דער אייבערשטער ווייסט וואס איז גוט פארן מענטש, און ער טוט נאר וואס עס איז גוט.

חז״ל פארציילן (מועד קטן, יח:) אז רבא האט געהערט ווי איינער דאווענט פאר א געוויסע שידוך, האט אים רבא געזאגט: ״נישט אזוי בעט מען דעם אייבערשטן, דו בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט טרעפן א גוטע שידוך; קענסט אים בעטן אז דו ווילסט דעם שידוך, אבער אויב עס איז נישט די ריכטיגע זאל עס נישט ווערן״; אלעס דארף מען מצדיק זיין, און מען דארף וויסן אז וואס דער אייבערשטער טוט - דאס איז גוט, און מען דארף זיך איינ׳חזר׳ן דעם פסוק (דברים לב, ד): ״הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ, כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט, אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא״, אבער דאס מיינט נישט אז מען דארף נישט מתפלל זיין.

בנוגע וואס דו שרייבסט מיר אז דיין ווייב וויל זיך נישט אפשערן איר האר; טשעפע נישט דיין ווייב וועגן דעם וואס זי וויל זיך נישט אפשניידן איר האר. איך רעד טאקע אסאך וועגן זיך אפשניידן די האר, און מוהרא״ש ז״ל האט אסאך גערעדט פון

דעם און זייער אסאך געשריבן וועגן דעם, אבער מען דארף וויסן ווי אזוי מען רעדט צו א ווייב וועגן דעם ענין.

אמת טאקע, דו שרייבסט מיר אז דו ווילסט האבן גוטע קינדער, און דו האסט מורא וואס עס וועט זיין, ווייל דו האסט געזען וואס עס שטייט אין זוהר הקדוש (נשא קכה:): "'וְאִתְּתָא דַּאֲפִיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' און א פרוי וואס גייט מיט אויפגעדעקטע האר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ' זיך שיין צו מאכן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא' איז זי גורם אז עס זאל זיין ארימקייט אין שטוב, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא' און זי איז גורם אז אירע קינדער וועלן נישט מצליח זיין און זיי וועלן נישט זיין חשוב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא' און זי איז גורם אז די ס"מ און די נישט גוטע זאלן זיין אין איר שטוב. זאגט ווייטער דער זוהר: 'מַאן גָּרִים דָּא?' ווער איז דאס אלעס גורם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר' די פרוי וואס איר האר זעט זיך ארויס".

אבער איך וואלט דיר געזאגט אז דו זאלסט נישט איבער רייסן דעם שטריק ביי דיר אין שטוב; דו בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג. זאג פארן אייבערשטן אז דו ווילסט ערליכע קינדער און ערליכע טעכטער וואס וועלן זיך אפשערן זייער האר נאך זייער חתונה, ועסטו זען אז אלעס וועט זיך איבערדרייען צום גוטן.

בנוגע וואס דו פרעגסט אז דו האסט געהערט אז מיר בויען א שטעטל וכו', און דו ווילסט וויסן וואס ווען וואו; איך וויל נאך נישט רעדן דערפון מכמה טעמים, דער אייבערשטער וועט העלפן און בקרוב וועלן אפאר משפחות ארויס גיין אהין, וועט דאס ממילא ארויס קומען.

זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

...

בעזהשי"ת - יום ג' פרשת חקת, ג' תמוז, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני״ו**

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר פארן אי״ה די וואך אין קעמפ; איך בין זייער פריילִיך אז זייער אסאך אינגעלייט קומען אין קעמפ, וואו מיר וועלן פארברענגען צוזאמען, און זיך מחזק זיין מיט די ליכטיגע עצות וואס מיר האבן זוכה געווען צו לערנען פון מוהרא״ש ז״ל.

דאס יאר איז דער נייטנער זומער וואס מיר וועלן זיין צוזאמען אין קעמפ; דו קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי אזוי היכל הקודש האט אויסגעזען פאר מיר זענען געפארן אין קעמפ. און דאס אלעס וואס מיר האבן היינט צוטאגס, א תלמוד תורה, א מיידל סקול וכו׳ וכו׳ - איז אלעס נאר צו פארדאנקען די קעמפ.

אלע יארן פלעגן די אינגעלייט קומען צו די שיעורים פון מוהרא״ש ז״ל - די מענער זענען געווען שטארק מיט אמונת חכמים, אבער די שטוב איז געווען זייער ווייט פון רבי׳ן; די פרויען האבן זיך זייער געשעמט מיט ברסלב, און עס איז געווען זייער א פארשעמטע זאך אז די מאן פארט אויף אומאן, אויך איז געווען א באהאלטענע זאך אז מען גייט צו מוהרא״ש ז״ל וכו׳ וכו׳, אבער אנגעהויבן פון זומער תשס״ט - ווען מיר זענען געווען דאס ערשטע יאר אין קעמפ מיט צען משפחות, האט זיך אלעס געטוישט; די צען משפחות זענען אהיים געקומען אנדערע מענטשן, סיי די פרויען און סיי די קינדער, אלעס האט געלעבט צען וואכן מיט איין מחשבה - מיט די עצות פון הייליגן רבי׳ן.

איך קען נישט פארגעסן וואס איינער פון אנ״ש האט מיר געזאגט יענעם זומער תשס״ט לפ״ק: ״וואס איך קען נישט פועל׳ן ביי מיר אין שטוב שוין צוואנציג יאר, האסטו געטון אין אפאר וואכן״, ער זאגט מיר: ״מיין ווייב האט נישט ארויס געזאגט דאס ווארט מוהרא״ש, עס איז געווען א ווארט וואס איך האב נישט געטארט מזכיר זיין אין שטוב, היינט הער איך איר רעדן מוהרא״ש אהער, מוהרא״ש אהין״; פון וואו נעמט זיך דאס? ווייל די טבע ביי מענטשן איז, אז מען קוקט אויף חברים, בפרט ביי פרויען, האט מען זיך געשעמט פון די חבר׳טעס און פון די ארומיגע, אבער אז מען

זיצט צען וואכן - נאכט נאך נאכט, און מען שמועסט פון רבי'ן און פון מוהרא"ש ז"ל, איז דאך אויס פראבלעם, ווייל מען האט פרענדס פון ברסלב וכו'. און עס האט זיך אויסגעשטעלט אז אסרו חג פסח ווען מיר האבן געעפענט די תלמוד תורה, האבן דייקא די משפחות וואס זענען געווען אין קעמפ - אריין געשיקט די קינדער, אבער די אנדערע משפחות האבן נישט געקענט אריין שיקן, ווייל זייערע פרויען האבן נישט געלאזט רעדן פון ברסלב וכו'.

אזוי איז געווען יאר נאך יאר, די אלע וואס האבן אינוועסטירט צו זיין זומער אין א סביבה וואו מען שעמט זיך נישט מיטן רבי'ן, א סביבה וואס עס איז נישט קיין בושה אז מען פארט אויף אומאן, די אלע האבן געהאט א גרינגערע ארבעט א גאנץ יאר - סיי ביי אומאן, און סיי ביים אריין שיקן זייערע קינדער אין די ברסלב'ע מוסדות.

אז איך זאל דיר שרייבן ווי אזוי היכל הקודש האט אויס געקוקט פאר די ישיבה האט זיך געעפענט, ווי מען האט זיך געשעמט פון זיך אליין, וואלסטו זיך געוואונדערט פארוואס אנ"ש האבן געקריגט אויף די ישיבה, לכאורה וואלטן זיי זיך געדארפט פרייען אז איינער איז געקומען און אראפגענומען אביסל די בושה וכו'; מוהרא"ש ז"ל אליינס פלעגט פרעגן די קשיא, מוהרא"ש ז"ל פלעגט זאגן, וואס איז דער חילוק פון אנדערע חסידות'ן און ברסלב? נאר ביי אנדערע חסידות'ן, ווען מען זעט ווי איינער קומט און וויל העלפן אויפבויען דאס חסידות, טרעט יעדער אפ פאר אים; מען גרויסט אים, מען איז אים מכבד, און מען פרייט זיך אז איינער קומט ארויס העלפן דאס חסידות, אבער אין ברסלב איז פונקט פארקערט, אויב איינער וויל קומען אביסל פארשפרייטן דעם רבי'ן, שטעלט מען אים אונטער פיסלעך, און מען שרייט אויף אים: "דאס איז נישט דעם רבינ'ס זאך וכו'".

ברוך ה' אז מיר פארן די וואך אין קעמפ, וויל איך שרייבן אפאר נקודות וואס איך פארלאנג פון אלע משפחות וואס געפונען זיך אויף אונזער פלאץ, זאלן זיך האלטן צו דעם.

הדבר הראשון - קיינער זאל נישט זיין פארנומען מיט א צווייטנ׳ס רוחניות; עס איז א עקל און א גרויל ווען מען איז פארנומען מיט יענעמ׳ס רוחניות. יעדער איינער זאל זיין פארנומען מיט זיך אליין, יעדער זאל אכטונג געבן אויף זיך אז מען זאל גיין בצניעות, אכטונג געבן אויף די קינדער אז זיי זאלן זיך אויפפירן בצניעות; מיידלעך פון דריי יאר און העכער דארפן גיין מיט טייץ אינגאנצען צוגעדעקט (איך ווייס אז זייער אסאך מענטשן זענען נישט מקפיד אויף דעם, אבער איך וויל אז ביי אונז זאל זיין א הייליג פלאץ), עס איז נישט דא אזא זאך ווי זאגן: ״אויף קליינע קינדער דארף מען נישט אכטונג געבן״; פארקערט, אז מען געבט אכטונג פון ווען די קינדער זענען נאך קליין אז זיי זאלן גיין אנגעטון בצניעות, וועלן זיי שפעטער אויך זיין ערליך.

אזוי אויך דארף מען אכטונג געבן ביים שווימען, אז מען זאל שווימען בצניעות; א פרוי טאר נישט שווימען מיט א בעידינג סוט, נאר מען דארף שווימען מיט א שווים קלייד - סיי פרויען און סיי מיידלעך. געדענק וואס דער רבי זאגט (ספר המדות, אות בנים, סימן ט): ״צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה, מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים״, א פרוי וואס פירט זיך איידל און צניעות׳דיג, וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער.

אדרבה, זיי פארנומען ווי אזוי מען קען העלפן א צווייטן מיט גשמיות; אז דו קענסט העלפן יענעם מיט די קינדער, אדער אריין שיקן צו דיין שכן א גוטע מאלצייט - דאס איז א שיינע זאך, אבער סתם זיצן אין פלאטשקען פון יענעם, איז זייער נישט קיין שיינע זאך.

איך וועל שטיין אויף דעם בחומר הדין; אז איך וועל זיך דערוואוסן אז איינער מאכט מחלוקת, נישט קיין חילוק צו ביי די מענער צו ביי די פרויען, וועל איך אים פארשיקן אן קיין רחמנות. איך וועל נישט לאזן אפאר יחידים זאלן מיר צעברעכן וואס איך האב אויפגעשטעלט מיט מיין בלוט און פלייש.

געלויבט דעם אייבערשטן אז איך האב געטרייע תלמידים וואס האבן זיך פשוטו כמשמעו צעריסן אז עס זאל זיין א קעמפ, האברך ... ני״ו, והאברך ... ני״ו, והאברך ... ני״ו; זיי פארדינען נישט קיין געלט דא, זיי טון עס נאר ווייל זיי ווילן מיר העלפן,

און זיי ווילן אז מיר זאלן האבן א פלאץ פאר אונזערע קינדער, וואו מען קען זיי מחנך זיין אזוי ווי מוהרא"ש ז"ל האט אונז געלערנט.

דערפאר בעט איך דיר אז דו זאלסט זיי באדאנקען, און דיין ווייב זאל באדאנקען זייערע ווייבער; אויב פעלט דיר עפעס, זאלסטו עס בעטן, און זיי וועלן פרובירן עס צו צושטעלן. אבער אז דו ביסט נישט צעפרידן, זאלסטו נישט גיין באנטעוועט וכו', ווייל איך וועל נישטווארטן ביז סוף זומער פטור צו ווערן פון איינעם וואס שטייט און העצט אויף די פלאץ.

גלייב מיר, איך האב געהאט בדעה צו בלייבן אין שטאט דעם זומער, און איך ווער אויסגעברענט פון די אלע וואס רעדן און זוכן סתם צו מאכן מחלוקת און קריגערייען; נאר וואס דען, איך האב מחליט געווען יא צו גיין, נאר ווייל איך וויל ווייטער גיין מיט די אינגלעך און מיידלעך אין קעמפ, זיי צו מחנך זיין און זיי אנגרייטן וכו', ווייל איך קוק ארויס נאר אויף זיי, איך וויל אויפשטעלן א דור ערליכע אידן וואס זיי וועלן פאלגן דעם רבי'ן אויף טריט און שריט. קוק אן די קינדער ווי זיי גייען הפצה יעדן טאג - אן קיין בושה און אן קיין תירוצים; ווען איך קוק אויף די אינגעלייט זע איך אז אפשר איין פראצענט גייען הפצה, טראכט איך צו מיר: 'פארוואס זאל איך ווייטער געבן שיעורים? פארוואס זאל איך ווייטער ארבעטן וכו'? אז איך קען נישט פועל'ן דאס וואס מוהרא"ש ז"ל האט געוואלט, אז יעדער תלמיד היכל הקודש זאל גיין הפצה?' אבער ווען איך טראכט פון די קינדער וואס זיי זענען די קומענדיגע דור ברסלב'ער חסידים - פאר זיי לוינט זיך יא צו גיין אין קעמפ און ווייטער אנגיין.

איך בעט זייער שטארק אז מען זאל האלטן ריין דאס פלאץ; יעדער זאל אכטונג געבן אז עס זאל זיין ריין ארום זיין באנגעלאו, אויך זאל מען נישט איבערלאזן קיין גארביטש בעגס אינדרויסן פון באנגעלאו. אויך בעט איך אז מען זאל אכטונג געבן אויף די לעקטער; עס זאל נישט גיין אומזיסט עירקאנדישן, ווייל די ישיבה דארף עס באצאלן, און די ישיבה איז נישט קיין פריוואטע נכסים נאר עס באלאנגט פארן רבי'ן, און אז מען ניצט דעם רבינ'ס געלט אן קיין אחריות, באצאלט מען טייער.

עס איז באוואוסט דעם סיפור וואס האט פאסירט מיט ר׳ שמעון דעם רבינ׳ס תלמיד; ער האט אמאל גענוצט געלט וואס האט געהערט פארן הייליגן רבי׳ן, האט אים דער רבי געזאגט: ״פאר דעם וואס דו האסט זיך באנוצט מיט מיין געלט, אויף דעם קומט דיר צו פארשיקן״, וכך הוה, ער איז אנגעקומען צו א פלאץ בְּאֶרֶץ לֹא עָבַר בָּהּ אִישׁ וְלֹא יָשַׁב אָדָם שָׁם, אפאר יאר איז ער געווען פארווארפן אין א פלאץ וואס עס געפינט זיך נישט קיין אידישע נפש דארט, דאס אלעס האט ער באקומען אלץ א שטראף ווייל ער האט גענוצט געלט וואס האט באלאנגט פארן רבי׳ן. דערפאר בעט איך דיר זייער, האב רחמנות אויף מיר, און געב אכטונג אז עס זאל נישט גיין די לעקטער סתם אזוי, אזוי אויך די ערקאנדישן; אז מען דארף עס ניצן איז איין זאך, אבער נישט לאזן סתם ארבעטן אין דער וועלט אריין. דאס קאסט זייער טייער, און איך בין נאך שולדיג פאר די לעקטער פון צוויי יאר צוריק.

איך בעט יעדן טאג דעם אייבערשטן אז מיר זאלן אלע צוריק אהיים קומען בשלום, און מיר זאלן אלע האבן א שיינע זומער; א זומער מיטן אייבערשטן, א זומער וואס מיר וועלן לעבן בשלום ובאחדות, איינער מיטן צווייטן.

זאלסט איבערגעבן פאר דיין ווייב תחי׳, אז זי זאל געדענקען דעם כלל וואס איך חזר שטענדיג: ״דער וואס ברענגט די פאסט, דער טראגט די פאסט ווייטער״; דאס הייסט, דער וואס ברענגט א לשון הרע, און דער וואס פארציילט שטילערהייט א לשון הרע, דער טראגט ווייטער צו א צווייטן פון דיר לשון הרע. דער רבי רופט אן די מענטשן וואס ברענגען און טראגן פון איינעם צום צווייטן - ׳מדברים׳, וואס דורך זיי ווערט ערד ציטערנישן און מלחמות; קוק אריין אין סיפורי מעשיות - די דריטע מעשה, פונעם חיגר.

זע צו לערנען יעדן טאג אביסל חומש און אפאר פרקים משניות, און לכל הפחות א דף גמרא; דער רבי שרייבט פאר זיין איידעם: ״בִּקַּשְׁתִּי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמַד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מִטָּפֵל עִיקָר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ׳, כִּי זֶה כָּל הָאָדָם״, זעט מען וואס דער רבי האט געוואלט - נאר תורה ותפילה ויראת

שמים. דערפאר זע צו לערנען א דף גמרא יעדן טאג, און אפילו דו פארשטייסט נישט קיין איין ווארט, דאך זאלסטו זאגן די ווערטער, ווייל תורה וואשט אויס א מענטש אינגאנצען פון זיין שלעכטס.

און אויך זאלסטו גיין אביסל הפצה, ווייל דער רבי האט אונז געהייסן אז מיר זאלן עוסק זיין אין אנטרינקען ביימער. דו קענסט זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון הפצה; דו געבסט איינעם א קונטרס, א ספר, אדער א סידי וכו׳, און דו געבסט יענעם לעבן. עס קען זיין אז יענער גייט ארום מיט א מחשבה ווי אזוי ער קען ענדיגן זיין לעבן רח״ל, בפרט בחורים וואס פאלן אראפ אין פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רח״ל, וואס די עבירה מאכט דערביטערט א מענטש, און עס רייסט אויס דעם מח; עס מאכט טראכטן שלעכטע געדאנקען פון ענדיגן דאס לעבן רח״ל. און ווען זיי באקומען א קונטרס, אדער א ספר וואס רעדט צו זיי, אדער זיי הערן א דרשה ווי מען זאגט זיי אז זיי האבן נאך א תקנה און זיי קענען נאך תשובה טון, און זיי הערן אז דער אייבערשטער האט זיי נאך אלץ ליב, און ווארט צו הערן א ווארט פון זיי, האסטו פשוט מחי׳ מתים געווען א איד.

עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך פון הפצה, אזוי ווי עס שטייט אין זוהר (תרומה קכח): ״א מענטש וואס ברענגט צוריק זינדיגע מענטשן צום אייבערשטן, דער מענטש איז זוכה ארויף צו גיין אויף א פלאץ וואס קיין שום מענטש איז נישט זוכה; דער מענטש נעמט אוועק טומאה פון דער וועלט, און ער מאכט אז דעם אייבערשטנס נאמען ווערט געהייליגט אויף דער וועלט; און דער מענטש איז גורם אז אלע וועלטן שטייען אויף זיין זכות. ער איז זוכה צו זען קינדער און אייניקלעך, און ער איז זוכה צו אלע גוטע זאכן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט; קיינער קען אים נישט שלעכטס טון - נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט. ער גייט אריין אין דרייצן טויערן פון שערי רחמים און קיינער קען אים נישט צוריק האלטן.

אויב דו פארסט אוועק פאר א גאנץ זומער און דו פלאנסט נישט אריין צו קומען אין שטאט, זע מיט צו נעמען ספרים פארן גאנצן זומער אז דו זאלסט קענען גיין הפצה

אין די קאנטריס און אין די קעמפס; דאס איז דער גרעסטער שמירה און דער גרעסטער זאך וואס א מענטש קען טון בזה העולם.

זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

...

בעזהשי"ת - יום ג' פרשת חקת, ג' תמוז, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך ווייס נישט צי דו ביסט משוגע אדער דו מאכסט דיך משוגע; דו שפילסט ארום מיט מיר כאילו איך בין א כתה א' אינגל. איך האב געטראכט אז איך וועל גיין מיט דיר מיט שיינעם, און איך וועל דיר נישט פארשעמען, אבער איך זע אז דו פארשטייסט נישט וואס איך וויל, דו מאכסט זיך טאמעוואטע, וועל איך דיר שרייבן אפענע דיבורים, און איך וועל פרובירן דאס לעצטע ביסל צו ראטעווען דיין שטוב.

דיין שווער איז אריבער געקומען צו מיר, און מיר געזאגט אז זיין טאכטער - 'דיין ווייב' איז אהיים געקומען פאריגע וואך, און זי האט געוויינט אז זי וויל מער נישט זיין מיט דיר, ווייל זי האט געזען דיין קאמפיוטער, ווי דו שרייבסט זיך מיט וכו', און זי וויל צעברעכן די שטוב; דו האסט א נס אז דיין שווער האט איר געזאגט זי זאל צוריק גיין און ער וועט קער נעמען. קומט ער רעדן צו מיר, און ער איז מלא טענות, היתכן דאס זענען מיינע תלמידים; איך וואלט מיך געקענט ארויסדרייען אין איין מינוט, איך וואלט אים געקענט זאגן: "וואס תלמידים, ווען תלמידים?" איך וואלט אים געקענט זאגן דעם אמת אין פנים אריין, אז איך האב מיט דיר קיין שייכות היינט צו טאגס, דו האסט זיך אויסגעדרייט דיין רוקן וכו'.

אבער למען השלום האב איך אים געזאגט אז עס קען נישט זיין אמת, און איך האב אים צוגעזאגט אז איך וועל רעדן צו דיר, זייט דעמאלט הערט ער מיר נישט אויף

צו קאלן יעדע צוויי מינוט, און איך ווייס נישט וואס צו טון, ווייל איך האב דיר גערופן פרעגן וואס הערט זיך, און דו שטעלסט א פנים כאילו לא הי׳, און ווען איך בין געגאנגען א טריט ווייטער, איך האב דיר געזאגט אז איינער האט מיר גערופן זאגן אז דו ביסט נישט בסדר, און דו שרייבסט זיך מיט וכו׳, מאכסטו זיך פאר מיר ווי א טאמעוואטע.

שרייב איך דיר אפן און קלאר, דו זאלסט וויסן אז מען קען זיך נישט באהאלטן פונעם אייבערשטן; חז״ל זאגן (ויקרא רבה כג, יב) אויפן פסוק (איוב כד, טו): ״וְעֵין נֹאֵף שָׁמְרָה נֶשֶׁף״, א מענטש באהאלט זיך פונעם אייבערשטן, און ער מיינט אז דער אייבערשטער זעט אים נישט, אבער דער אייבערשטער איז אים נאכדעם מפרסם אויף דער גאנצער וועלט; איך האב געמיינט אז דו וועסט זיך וועלן לאזן העלפן כדי נישט צו פארלירן דיין ווייב און דיין קינד, למעשה זע איך אז דו ביסט אן אויבער חכם.

זאג איך דיר דאס לעצטע מאל: ״זיי נישט קיין אויבער חכם, אוןווארף ארויס דיין קאמפיוטער פון שטוב, ווארף אוועק דיין פארשאלטענעם טעלעפאן וואס דאס האט שוין חרוב געמאכט טויזענטער שטובער״; דו מיינסט אז דיין ווייב איז מיט דיר, דו מיינסט אז דו קענסט זיין קלוגער פון אלע ערליכע אידן, דו מאכסט חוזק פון אלע רבנים, פון אלע דיינים, מען וועט זען ווער דער חוזק וועט זיין, דו וועסט בלייבן איינער אליין, און קיינער וועט אויף דיר נישט רחמנות האבן, זיי נישט קיין נאר, דו האסט א נס אז דיין שווער האט איר געהייסן צוריק גיין צו דיר, א צווייטער וואלט שוין זיכער געמאכט עס זאל זיין א גט.

איך גיי מיך נישט בעטן ביי דיר; איך בין אזוי צעבראכן אז איך זע ווי מיין ארבעט פון שעות אויף שעות גייט לטמיון. וויפיל נעכט בין איך אויף געוועזן מיט דיר, וויפיל שעות פלעג איך שפאצירן מיט דיר, למעשה זאל איך הערן פון דיין שווער אזעלכע זאכן אויף דיר? עס טרעט מיר צו מיין הארץ.

אבער זאלסט וויסן אז איך בין גרייט צו טון אלעס אויף דער וועלט אז דיין שלום בית זאל צוריק געשטעלט ווערן.

איך ווארט צו הערן פון דיר.

א גוטן טאג, זאלסט האבן הצלחה.

...

בעזהשי"ת - יום ג' פרשת חקת, ג' תמוז, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מרת ... תחי'**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב הנאה אז דו שרייבסט מיר אז דו ביסט זיך מחי' יעדע מאל ווען עס איז דא א פרויען שיעור, און אז דאס געט דיר כח ווייטער אנצוגיין; איך האב הנאה צו הערן אז דו ביסט זיך מחי' מיט די שיעורים.

בנוגע דיין מאן וכו'; איך זאג דיר אז אלעס וועט אריבער גיין; עס ווענדט זיך אין דיר, אויב דו וועסט זיין ווארעם צו אים, און אויב דו וועסט אים געבן גוטע ווערטער, וועט ער זיך טוישן וכו'. וויסן זאלסטו אז זייער אסאך מאל גייען אינגעלייט אריבער שווערע צייטן, עס פאסירט ביי זייער אסאך אינגעלייט, בפרט נאך די חתונה וכו', אבער עס איז נאר א דורכגאנג, און אז דו וועסט האבן סבלנות און דו וועסט קוקן אויף אים מיט א גוט אויג, וועט ער אפלאזן זיינע נארישקייטן וכו' וכו'.

איך בעט דיר טייערע ... תחי', דו זאלסט ווייטער רעדן שיין צו אים, און דו פרוביר מיט אלע דיינע כוחות צו זיין פאזיטיוו, זאג אים נישט גארנישט, נאר האלט זיך איין מיט אלע כוחות וועסטו זען ווי ער וועט זיך טוישן. דו טו וואס דער רבי האט אונז אויסגעלערנט - גיי צום אייבערשטן, און וויין דיך אויס צום אים, בעט אים אז ער זאל רחמנות האבן אויף דיר, אויף דיין מאן און אויף דיינע קינדער, וועסטו זען אז מיט דער צייט וועט דער אייבערשטער אים איבערדרייען. וויין דיך אויס צום אייבערשטן, ווייל דער רבי זאגט (ספר המידות, אות תפילה, סימן נא): "תְּפִילָה שֶׁהִיא בִּדְמָעוֹת הִיא מִתְקַבֶּלֶת", תפילה וואס קומט מיט טרערן - ווערט אנגענומען. נאך זאגט דער רבי (שם,

סימן כ): "מִי שֶׁמַּעֲבִיר עַל מִידוֹתָיו - תְּפִלָּתוֹ נִשְׁמַעַת", ווער עס גיבט נאך פאר א צווייטן, ווערן אנגענומען זיינע תפילות.

חז"ל פארציילן (תענית כה.) אז עס איז אמאל געווען א טרוקעניש אין ארץ ישראל - עס האט נישט גערעגנט א גאנץ ווינטער, האט מען געמאכט א יום תפילה. דער הייליגער תנא רבי אליעזר איז צוגעגאנגען צום עמוד, ער האט געבעטן פיר און צוואנציג תפילות אז עס זאל רעגענען און עס האט נאך אלץ נישט גערעגענט, איז דער הייליגער תנא רבי עקיבא צוגעגאנגען צום עמוד און געזאגט: "אבינו מלכינו, אין לנו מלך אלא אתה, אבינו מלכינו רחם עלינו", און עס האט גלייך אנגעפאנגען צו גיין א שטארקע רעגן, האט דער עולם אנגהויבן שמועסן אז רבי עקיבא איז גרעסער פון רבי אליעזר, ווייל זיינע תפילות זענען גלייך אנגענומען געווארן, איז ארויס א בת קול פון הימל און געזאגט: "נישט ווייל רבי עקיבא איז גרעסער פון רבי אליעזר זענען זיינע תפילות אנגענומען געווארן, נאר ווייל רבי עקיבא איז א וותרן - ער גיבט נאך, און ווער עס גיבט נאך פאר א צווייטן, הערט דער אייבערשטער אויס זיינע תפילות". זעט מען פון דעם דאס גרויסקייט פון נאך געבן פאר א צווייטן.

אין דעם זכות וואס דו האסט סבלנות, און דו צעברעכסט נישט דיין שטוב, נאר דו ווארטסט אויס מיט געדולד, וועט דער אייבערשטער אננעמען דיינע תפילות.

איך שרייב דיר א קליינע תפילה, וואס דו זאלסט זאגן יעדן טאג.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת; הֶעלְף מִיר, אִיךְ דַארְף אַ יְשׁוּעָה; אִיךְ וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין צַדִּיקִים, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיר דִינֶען; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זַיין שְׁטַארְק בַּיי מִיר, אִיךְ זָאל וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן, גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מֵיין מַאן עֶר זָאל זַיין עֶרְלִיךְ, עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין און הָאבְּן אַ גְרִינְגֶע פַּרְנָסָה, הֶעלְף מֵיין מַאן זָאל אַוֶועק וַוארְפְן זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן וְכוּ' וְכוּ'.

אזוי זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן, וועסטו זען אז דער אייבערשטער וועט אננעמען דיינע תפילות.

א געזונטן זומער.

...

בעזהשי״ת - יום ג׳ פרשת חקת, ג׳ תמוז, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

דאס וואס דו זיצסט יעדע וואך ביי שלש סעודות אין די זייט מיט א משניות, איז נישט גערעכט; איך וויל דיר פרעגן, ווער האט דיר אויסגעלערנט אז דו קענסט אויך לערנען? ווער האט דיר געזאגט אז דו זאלסט זאגן משניות? דער רבי; און דער זעלבער רבי האט נישט געלאזט זאגן משניות וכו׳ בשעת מען זינגט זמירות, קוק אריין אין ליקוטי מוהר״ן (חלק ב׳, סימן קיד): ״וְהָיָה מַזְהִיר וּמוֹכִיחַ אוֹתָנוּ כַּמָּה פְּעָמִים, לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת, וְהָיָה מַקְפִּיד וְכוֹעֵס מְאֹד עַל מִי שֶׁהוּא חָכָם בְּעֵינָיו, וְאֵינוֹ מִתְאַמֵּץ לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת וּבְמוֹצָאֵי שַׁבָּת, אוֹ שְׁאָר עֲבוֹדוֹת פְּשׁוּטוֹת; כִּי עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת״.

בכלל איז זייער נישט קיין שיינע זאך ווען דער גאנצער עולם זיצט צוזאמען אז דו זיצט זיך ווי א יוצא דופן, און יעדעס מאל דארף איך דיר ווינקען אז דו זאלסט קומען זיצן צווישן דעם עולם; דו זעצט זיך אזוי פון אונטן אז איך זאל דיר נישט קענען זען וכו׳, פארוואס דארפסטו זיין אן אויבער חכם? דו ווייסט אז איך האב צער דערפון, און איך ווייס אז דו ווילסט מיר נישט מצער זיין, נאר דו כאפסט נישט וואס דו טוסט.

חז״ל זאגן (שבת קיח.): ״אמר רבי שמעון בן פזי, אמר רבי יהושע בן לוי, משום בר קפרא: כל המקיים שלש סעודות בשבת, ניצול משלוש פורעניות, מחבלו של משיח; ומדינה של גיהנום; וממלחמת גוג ומגוג״, ווער עס עסט דריי סעודות שבת ווערט ניצול פון דריי שלעכטע זאכן, פון חבלי משיח, פון גיהנום און פון מלחמת גוג ומגוג.

דערפאר בעט איך דיר זייער, זיי נישט אנדערש פון אלעמען, נאר בשעת מען דאווענט דארף מען דאווענען, און בשעת אידישע קינדער זיצן און זינגען זמירות שבת, זיך צוזאמען און זינג זמירות; איך האב זיך אזוי אוועק געגעבן פאר דיר, סיי אלץ בחור, סיי פאר דיין שידוך, און סיי נאך דיין חתונה ווען דו האסט געדארפט הילף וכו'; נאך אביסל האסטו שוין גרויסע קינדער, און עס איז זייער שווער צו מחנך זיין קינדער אויב מען איז אליינס א גרויסער שטרוי זאק. אז מען זינגט מיט זמירות און מען זיצט צוזאמען מיטן עולם מיט דרך ארץ ביי שלש סעודות, וועלן דיינע קינדער דיר נאכמאכן, און דו וועסט האבן גרויס נחת.

איך האף אז דו גייסט אין מקוה יעדן טאג, בפרט ווען דו דארפסט האבן א מקוה וכו'; אלץ בחור פלעגסטו זייער מקפיד זיין אויף מקוה, דו ביסט געגאנגען יעדן טאג אין מקוה אפילו עס איז דיר אנגעקומען שווער וכו', איך האף אז דו ביסט היינט אויך מקפיד אויף מקוה. ווען א מענטש טובל'ט זיך דא אויף דער וועלט, טובל'ט מען זיין נשמה אויבן אויף יענע וועלט, און אז מען גייט אין מקוה ווערט מען פטור פון אלע צרות, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות המתקת הדין, סימן כב): "עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה". אז מען טובל'ט זיך אין מקוה איז מען מבטל אלע צרות און מען איז זוכה צו א ישועה. נאך זאגט דער רבי (שם, סימן פא): "הַמִּקְוֶה מַמְתִּיק הַדִּין". אז מען גייט אין מקוה נעמט מען אוועק אלע דינים.

דערפאר בעט איך דיר אז דו זאלסט גיין אין מקוה יעדן טאג גלייך ווען דו שטייסט אויף, וועסטו זוכה זיין צו גרויסע ניסים.

זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

...

בעזהשי"ת - יום ג' פרשת חקת, ג' תמוז, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד ... ני"ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

ר׳ נתן האט געזאגט: ״מיט קנאה וועט דיך דער רבי נעמען, מיט תאוות וועט דיר דער רבי נעמען, אבער מיט כבוד וועט דיר דער רבי נישט נעמען״; ווען מען קומט צום רבי׳ן דארף מען קומען פאר איין סיבה: זיך אויסצוהיילן, אבער אויב מען איז פארנומען מיט א צווייטן, איז נישט גוט.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן עב): ״מִי שֶׁבָּא אֵצֶל צַדִּיק אֲמִתִּי, וְשׁוֹמֵעַ מִפִּיו תּוֹרָה, רָאוּי שֶׁיִּמְשַׁךְ עָלָיו בּוּשָׁה וְשִׁפְלוּת גָּדוֹל מְאֹד, וְזֶה סִימָן שֶׁהָיָה אֵצֶל צַדִּיק אֲמִתִּי״, ווען מען ווערט מקורב צום צדיק אמת, מען הערט תורה פון א צדיק אמת, פאלט ארויף אויפן מענטש א שפלות; דער מענטש הייבט אן צו קוקן אויף זיך מיט א גרויס רחמנות, ער טראכט צו זיך: ׳וואס וועט זיין פון מיר? ווען וועל איך תשובה טון וכו׳ וכו׳? ״אֲבָל מִי שֶׁהוּא בָּא אֵצֶל אֵיזֶה מְפֻרְסָם וְשׁוֹמֵעַ מִפִּיו תּוֹרָה, וּבָא עָלָיו גַּדְלוּת עַל יְדֵי זֶה, הַהֵפֶךְ מוּבָן מִמֵּילָא״, פארקערט - זאגט דער רבי - ווען א מענטש ווערט מקורב צו א מפורסם וכו׳, קומט אויף אים א גדלות, ער הייבט אן זיך גרויסן אויף יעדן איינעם.

עס איז נישט דא קיין צייט צו קוקן אויף דעם און אויף יענעם; דער רבי האט געזאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן מט): ״אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר יָאגִין, אִיר זָאלְט נָאךְ קֶענִין עֶפִּיס כַאפִּין״; דאנק און לויב דעם אייבערשטן אז מיר זענען מקורב געווארן צום הייליגן רבי׳ן, וואס ער איז אונז מחזק און שטארקט אונז אז מיר זאלן נישט פארגעסן פונעם תכלית, מיר זאלן געדענקען אז נאך אביסל וועלן מיר דארפן צוריק גיין צום אייבערשטן, וואס דארט וועט גארנישט ניצן, און דארט וועט מען זען דעם ווארהייט פון דעם הייליגן רבינ׳ס סדר דרך הלימוד, אויבן אין הימל וועט שיינען און לייכטן יעדע נקודה טובה וואס מען האט אריין געכאפט דא בזה העולם. מען זעט אן אינטערעסאנטע זאך, ווען מען גייט מנחם אבל זיין, הערט מען ווי מען רעדט שבחים אויפן נפטר, מען רומט אויס זאכן וואס בחיים חיותו לאכט מען דערפון. מען הערט ווי מען זאגט ׳דיין טאטע פלעגט זאגן תהילים מיט א שטארקע תמימות׳, ׳דיין טאטע פלעגט אייביג בענטשן אינעווייניג אין א בענטשער, ער פלעגט מקפיד זיין צו קושן

די מזוזה וכו׳ וכו׳; מען איז זיך אזוי מחי׳ מיט יעדע קליינע ווארט וואס מען רעדט אויפן נפטר.

דערפאר בעט איך דיר זייער, זיי קלוג; א קלוגער מענטש קוקט אויף זיך. דאס לעבן איז אזוי קורץ, עס איז נישט דא קיין צייט צו זיין פארנומען מיט דעם און מיט יענעם. דער הייליגער צאנזער רב זי״ע האט געזאגט: ״אין מיינע יונגע יארן האב איך געטראכט, איך וועל פארעכטן די גאנצע וועלט, שפעטער האב איך געזען אז איך קען נישט פארעכטן די גאנצע וועלט, האב איך געטראכט כאטשיג מיין שטאט וועל איך פארעכטן, שפעטער ווען איך בין עלטער געווארן האב איך געזען אז איך קען נישט פארעכטן מיין שטאט, האב איך געטראכט איך וועל פארעכטן מיין משפחה, אבער ווען איך בין נאך מער עלטער געווארן האב איך געזען אז איך קען נישט קיינעם פארעכטן, איך וועל פרובירן מיך אליינס צו מתקן זיין״.

מוהרא״ש פלעגט אסאך חזר׳ן די מעשה מיט אונז, כדי אריין צו ברענגן און אונז אז מיר זאלן לעבן מיט זיך, און נישט זיין פארנומען מיט א צווייטן; על פי רוב די אלע מענטשן וואס זענען פארנומען מיט א צווייטן, און טראגן און ברענגען א גאנצן טאג לשון הרע פון איינעם צום צווייטן, די זענען מענטשן וואס זענען זייער ווייט פונעם אייבערשטן. מען דארף זייער אכטונג געבן זיך נישט אריין צו מישן אין א צווייטנס לעבן, און זיכער נישט וויי טון א צווייטן, ווייל אז מען טוט וויי א איד באצאלט מען נאכדעם א טייערע פרייז.

מען זעט מענטשן וואס זענען פארנומען נאר מיט יענעם - זיי כאפן נישט אז קיינער איז נישט פארזיכערט מיט זיך; היינט האט פאסירט א שרעקליכער אומגליק, א אינגערמאן א מגיד שיעור, אזוי אלט ווי מיר - זעקס אין דרייסיג יאר, איז געפארן מיט זיין ישיבה אויף שבת אינעם קאשוי׳ער שטעטל, און ער איז נישט אויפגעשטאנען ל״ע. ווען א מענטש זאל לעבן מיט די מחשבה, אז עס קען זיין אז היינט איז מיין לעצטער טאג, וואלט ער נישט געהאט א איבעריגע סעקונדע צו טראכטן פון א צווייטן.

דערפאר טייערער ליבער ברודער, דו שרייבסט מיר וכו׳ וכו׳; פאלג מיר, אִיעָצְךָ וִיהִי אֱלֹקִים עִמָּךְ, דאנק דעם אייבערשטן אז דו האסט א פלאץ וואו דו הערסט גוטע ווערטער, און ווען דו קומסט דאוועגען דא אין שול טראכט צו דיר: ׳איך קום הערן נאך א דיבור פון רבי׳ן, נאך א שטיק שכל ווי אזוי צו האלטן מיין שטוב, נאך אביסל חיזוק נישט צו שלאגן מיינע קינדער׳, אזוי וועסטו מצליח זיין, אבער אויב דו וועסט וועלן פארעכטן דעם פלאץ, און דו וועסט טיילן מוסר פאר דעם און פאר יענעם, וועט דיר דאס פלאץ אויסשפייען.

איך האב זוכה געווען צו זיין צען יאר ביי מוהרא״ש ז״ל; איך האב געזען מענטשן וואס האבן פרובירט אכטונג צו געבן אויף די כבוד פונעם פלאץ, און זיי זענען מיט דער צייט אוועק געגאנגען. נאר די אלע וואס האבן געקוקט אויף זיך, די אלע האבן מורא׳דיג מצליח געווען.

בנוגע פרנסה וכו׳; חז״ל זאגן (סנהדרין מו.): ווען א איד איז אין א צרה ״שכינה מה אומרת? קלני מראשי קלני מזרועי״, וואס זאגט דער אייבערשטער? די קאפ טוט מיר וויי, די הענט טוט מיר וויי; מוהרא״ש ז״ל פלעגט זאגן פשט אין דעם, אז דער אייבערשטער זאגט: עס טוט וויי צו הערן ווי מענטשן זאגן אז זייער קאפ ברענגט זיי פרנסה אדער זייער הענט ברענגט זיי פרנסה, אזוי ווי מען קען הערן ווי מענטשן שמועסן, ״יענער האט א קאמפיוטער קאפ, דערפאר איז ער מצליח״, אדער הערט מען ווי מענטשן זאגן, ״דער האט גאלדענע הענט, וואו ער לייגט אריין זיינע הענט מאכט ער געלט״. דערפאר טוט מען אן תפילין אויף די הענט און אויפן קאפ - זאגט מוהרא״ש - צו ווייזן אז מען בינדט צו די הענט און דעם קאפ צום אייבערשטן; מען זאל געדענקן אז אלעס קומט פון אים, מיין גאנצע הצלחה און מיין געלונגענקייט - אלעס איז דער אייבערשטער.

זיי געזונט און שטארק, דער אייבערשטער זאל דיר געבן שפע ברכה והצלחה, און א געזונטן זומער.

...

בעזהשי"ת - יום ג' פרשת חקת, ג' תמוז, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד מיין טייערע ... ני"ו**

איך האב געזען ווי דו ווינסט אז דאס הארץ האט געקענט צעגיין, וועל איך דיר שרייבן אפאר ווערטער.

דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן קיב): "הִנֵּה יֵשׁ עֲבֵרָה, שֶׁעָנְשָׁהּ שֶׁל עֲבֵרָה הַהִיא, שֶׁיְּהֵא בַּעַל חוֹב תָּמִיד, וַאֲפִילוּ יַעֲשֶׂה כָּל טַצְדְּקֵי דְּאֶפְשָׁר, וְהִתְפַּעֲלוּת, לֹא יוֹעִיל כְּלָל, וְיִהְיֶה בַּעַל חוֹב תָּמִיד; וְלִפְעָמִים גּוֹרֵם הָעֲבֵרָה שֶׁמַּפִּיל גַּם אֲחֵרִים לִהְיוֹתָם בַּעֲלֵי חוֹבוֹת, וְעֵצָה לָזֶה לָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה בִּכְלָלִיּוּת, וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְהַצִּילוֹ מֵעֲבֵרָה זוֹ, וּלְהִתְחָרֵט בִּכְלָלִיּוּת עַל עֲבֵרָה זוֹ", עס איז דא אן עבירה וואס דער עונש פון דעם איז אז דער מענטש ווערט א גרויסער 'בעל חוב', און אפילו דער מענטש וועט טון אלעס אויף דער וועלט נישט צו זיין א בעל חוב, וועט ער אייביג בלייבן אין חובות, און נישט נאר דער מענטש ווערט א בעל חוב, נאר ער קען אמאל גורם זיין אז ער שלעפט אריין נאך מענטשן אין חובות - אלעס צוליב זיין עבירה. און דער רבי גיבט אונז אן עצה, דער עצה איז, אז מען זאל תשובה טון; מוהרא"ש זאגט, אז דאס איז די עבירה פון הוצאת זרע לבטלה - פגם הברית רחמנא לצלן.

די עצה ארויס צו קריכן פון דעם איז, אז מען זאל תשובה טון; מען זאל וויינען צום אייבערשטן אז מען זאל קענען ארויס קריכן פון אלע חובות, בעט דעם אייבערשטן: "רבונו של עולם, האב אויף מיר רחמנות, איך וויל זיך צוריקקערן צו דיר; קוק ווי איך זינק אין שווערע חובות, איך ווייס אז איך בין זיך אליין שולדיג, איך האב געטון עבירות, וואס דער עונש אויף דעם איז אז מען ווערט א בעל חוב, איך בין נכשל געווארן אין פגם הברית. אבער רבונו של עולם איך וויל תשובה טון, און אז מען טוט תשובה ביסטו מוחל אויף אלע עבירות, בעט איך דיר, נעם מיך ארויס פון מיין זומפ", אזוי זאלסטו בעטן יעדן טאג דעם אייבערשטן, און לייג אריין דיינע אייגענע תפילות ובקשות.

איך בעט דיר, געב אכטונג; בארג מער נישט קיין געלט, נישט פאר דיר און נישט פאר א צווייטן; האק אפ אלע דיינע קרעדיט קארדס וואס לויפן אכצן דאללער א חודש דא, און 36 דאללער א חודש דארט, און וואו נישט, אנטלויף פון דעם! עס איז נישט קיין 'קרעדיט קארד', עס איז א 'צרות קארטל'; על פי רוב ווערן אינגעלייט גרויסע בעלי חובות דורך קרעדיט קארד'ס, מען מיינט אז מען מאכט געלט און ביז דערווייל איז מען א גרויסער בעל חוב רחמנא לצלן.

עס ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך אז ווער עס האט נישט קיין געלט קען גיין נאך צדקה פאר זיך; געדענק גוט וואס איך האלט אין איין חזר'ן: "עס איז נישט קיין בושה צו גיין נאך געלט, אדער צו נעמען א פשוט'ע ארבעט וכו', א בושה איז אז מען בארגט און מען באצאלט נישט, וואס אזוי ווערט מען אנגערופן א רשע, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים לז, כא): "לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם", א רשע בארגט און באצאלט נישט.

אז דו האסט חובות הייב אן צו באצאלן, ווארט נישט ווען דו וועסט האבן דאס גאנצע סכום אויף איין מאל, ווייל אז מען איז שולדיג געלט דארף מען באצאלן; מוהרא"ש האט אונז אויסגעלערנט אז מען קען צאלן צוביסלעך. אז דו קומסט פארן פיש געשעפט טויזנט דאללער, קיינער האט נישט קיין עקסטערע טויזנטער, אבער א פינפער האסטו יא? גיי אריין און לייג עס אויפן חשבון - א פינפער, א צענער, א צוואנציגער, וויפיל די האסט אין טאש. אל תאמר לכשאפנה - וועל איך באצאלן, שמא לא תפנה - ווייל ווער זאגט אז דו וועסט האבן צו באצאלן? אבער אז מען פאלגט א צדיק, און מען צאלט צוביסלעך קומט אריין די ברכה, און מען קען אלעס באצאלן.

מוהרא"ש שרייבט אן א שיעור מאל אין "אשר בנחל": איך געב א ברכה, אז ווער עס וועט עוסק זיין אין "הפצה" וועט שטענדיג האבן געלט אין טאש. און מען זעט טאקע אז די אלע וואס זענען עוסק אין "הפצה" האבן אייביג שפע.

דערפאר וויל איך דיר מחזק זיין: "גיי נאך געלט יעדן טאג!" און פון היינט און ווייטער זאלסטו מער נישט בארגן קיין איין דאללער; דו האסט מיר צוגעזאגט אז דו

גייסט מער נישט בארגן, און דו האלסט נישט איין דיין ווארט, דו בארגסט נאך און נאך, עד כדי כך אז דו ביסט שולדיג איבער הונדערט טויזענט דאללער ה״י, פארוואס רבונו של עולם? פארווען טאטע זיסער? הונדערט טויזענט דאללער זיין שולדיג פאר מענטשן?!

זע צו גיין נאך געלט יעדע צופרי - אפילו נאר ביי איין מנין, טראכט נישט ׳וואס איז שוין אז איך וועל מאכן א צענער, איך בין דאך שולדיג איבער הונדערט טויזענט דאללער?!׳ ניין, אז דו האסט געמאכט א צענער, א צוואנציגער, גיי באצאל; איך ווייס אז עס איז שווער און דו שעמסט זיך, אבער ״מוטב תיכספו בי בעלמא הדין, ולא תיכספו מיניה לעלמא דאתי״, ענדערש זאל א מענטש פארשעמט ווערן אויף דער וועלט ווי איידער פארשעמט צו ווערן אויף יענער וועלט.

זיי געזונט און שטארק.

...

בעזהשי״ת - יום ג׳ פרשת חקת, ג׳ תמוז, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד מיין טייערער ... ני״ו**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דאס וואס דו פרעגסט מיר פארוואס עס קומט דיר אן היינט אסאך שווערער דיין שמירת עינים, מער ווי אמאל פאר דו ביסט מקורב געווארן צום הייליגן רבי׳ן וכו׳, און דו זאגסט מיר אז דו האלסט עס נישט אויס וכו׳; איך וועל דיר פארציילן א שיינע מעשה וואס דאס וועט דיר זיין א שטארקע חיזוק. חז״ל פארציילן (סוכה נב.) אז אביי האט אמאל געהערט ווי א מענטש שמועסט זיך אפ מיט א פרעמדע פרוי צו גיין צוזאמען שפאצירן צו א צווייטע שטאט, האט אביי געזאגט ׳איך וועל גיין אונטער זיי, און אכטונג געבן אז זיי זאלן נישט טון קיין עבירה׳, ער איז זיי נאכגעגאנגען דריי פרסה, און ווען זיי זענען אנגעקומען אין שטאט האבן זיי געזאגט איינער צום צווייטן: ״א שאד אז מיר דארפן זיך שוין צעטיילן נאך אזא געשמאקע שמועס״, האט אביי

געזאגט צו זיך: ׳איך וואלט נישט געקענט ביישטיין אזא נסיון׳, און אביי איז זייער צעבראכן געווארן, ער איז געבליבן שטיין ביים טיר פון שטאט, און נישט געוואלט אריין גיין - פון גרויס צעבראכנקייט, אז דא זעט ער צוויי פשוט׳ע מענטשן גייען צוזאמען א לאנגע שטילע וועג, און זיי זענען שטארק ביי זיך נישט צו טון קיין עבירה, און ער ווייסט ביי זיך אז ער וואלט דאס נישט געקענט ביישטיין וכו׳. איז געקומען צו גיין אליהו הנביא, און אים געזאגט: ״שטארק דיר אביי, און זיי נישט צעבראכן, ווייל ״כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו״, ווי גרעסער א מענטש איז אלץ א גרעסערע יצר הרע האט ער״.

דאס זאג איך דיר אויך טייערער ... ני״ו, שטארק דיר, און ווער נישט צעפאלן ווען דו זעסט אז דו האסט גרויסע נסיונות וכו׳; דו טראכסט ׳אמאל האב איך נישט געהאט די סארט שווערע נסיונות׳, דאס איז, ווייל אמאל ביסטו נישט געווען אזוי שיין און שטארק מיט דיין אידישקייט אזוי ווי היינט צו טאגס, דערפאר וויל דיר דער יצר הרע אראפ ווארפן; דו ביסט געווען יארן ביים יצר הרע אין טאש, פלוצלינג האסטו אויפגעשניטן א לאך אין זיך ארויס געכאפט פון דארט, וואס טראכסטו, אז דער יצר הרע וועט דיר אפלאזן? וואס מיינסטו, דער יצר הרע וועט דיר נישט וועלן צוריק כאפן צו זיך אין קעשענע?

אבער זארג נישט טייערער ... ני״ו, דער הייליגער רבי האט געשריגן מיט זיין גאנצע כח: ״אין שום יאוש בעולם כלל״, עס איז נישט דא קיין יאוש; און ר׳ ישראל קארדונער ז״ל פלעגט זאגן: ״איינמאל דער רבי האט געשריגן ׳קיין יאוש איז נישט פארהאנען׳, קען דער ס״מ טאנצן פון דער ערד ביזן הימל, און עס וועט אים גארנישט העלפן״. שטארק דיר, דער אייבערשטער וועט דיר נישט פארלאזן, און דו וועסט טרעפן דיין שידוך בקרוב.

קוק צוריק ווען זענסטו, אז די אלע וואס האבן געהאלפן די ישיבה האבן זייער שיין חתונה געהאט; דער רבי באצאלט סיי אויף דער וועלט סיי אויף יענע וועלט.

איך בעט פאר דיר יעדן טאג; דער אייבערשטער וועט דיר העלפן אז דו וועסט אי"ה אויפשטעלן א שיינע אידישע שטוב בקרוב, אמן.

זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

...

בעזהשי"ת - יום ד' פרשת חקת, ד' תמוז, שנת תשע"ז לפ"ק

**לכבוד... ני"ו**

אשרינו מה טוב חלקינו אז מיר האבן די זכיה צו וויסן פונעם הייליגן רבי'ן; דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שלב): "איך בין א טייך וואס רייניגט אלע שמוציגע פלעקן". מען זעט דאס ממש בחוש ווען מען קוקט זיך אן ווי אזוי מיר האבן אויסגעזען פאר מיר האבן געטראפן דעם רבי'ן, און ווי אזוי דער רבי האט אונז אפגעוואשן פון אלע אונזערע שמוציגע מעשים, זעט מען אז דער רבי איז א טייך וואס רייניגט יעדן איינעם.

דער רבי האט געזאגט "געבט מיר אייער הארץ און איך וועל אייך פירן אויף א נייעם וועג, וואס דער נייער וועג פירט צוריק צום אלטן וועג, וואס די אבות הקדושים - אברהם אבינו, יצחק אבינו און יעקב אבינו, זענען געגאנגען אויף דעם וועג".

וואס איז דער נייער וועג אויף וואס דער רבי פירט אונז? דאס איז דער וועג פון 'התבודדות'; דער רבי האט געזאגט: "ווען איך וואלט ווען געוואוסט צו וואס מען קען אלץ זוכה זיין דורך דעם וואס מען רעדט זיך אויס דאס הארץ צום הייליגן באשעפער, וואלט איך נישט געטון די אלע שווערע עבודות פון פאסטן וכדומה, אבער איך האב נישט געוואוסט פון דעם"; דאס איז דער וועג וואס דער רבי זאגט אז ער פירט אונז אויף א נייעם וועג. דאס הייסט, אמאל ווען איינער האט געוואלט ווערן א צדיק, ווען איינער האט זיך געוואלט אומקערן צום אייבערשטן, האט ער גערארפט אסאך פאסטן און טון שווערע עבודות, און זיך פייניגן מיט סיגופים, אבער דער רבי פירט אונז אויף א נייעם וועג, דער רבי לערנט מיט אונז, אז א מענטש זאל זיך צו

געוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן, אלעס פארציילן פארן אייבערשטן, און יעדע זאך וואס באדערט זאל מען פארציילן פארן אייבערשטן.

ווען א מענטש געוואוינט זיך צו זיך אויסרעדן דאס הארץ צום אייבערשטן, איז זיין לעבן אן אנדערע לעבן, אלעס איז אים גרינגער אנצונעמען, ווייל ער ווייסט אז אלעס קומט פונעם אייבערשטן; חז״ל זאגן (חולין ז:): ״אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה״ א מענטש צוקלעמט זיך נישט זיין פינגער, אן דעם וואס מען זאל אויסרופן אין הימל פון פאראויס אז פלוני זאל זיך צוקלאפן זיין פינגער. דאס זעלבע איז מיט אלעס, מיט פרנסה; מיט קינדער; און מיט יעדע זאך, אלעס קומט פונעם אייבערשטן. און ווען מען חזר׳ט דאס, און מען לעבט מיט אמונה, איז אלעס גאר אנדערש, ווייל מען ווייסט אז קיינער קען מיר גארנישט טון; קיינער קען מיר נישט שלעכטס טון און קיינער קען מיר נישט גוט טון, נאר אלעס וואס פאסירט איז פונעם אייבערשטן.

זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

...

בעזהשי״ת - יום ד׳ פרשת חקת, ד׳ תמוז, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד מרת ... תחי׳**

דיין מאן זאגט מיר אז דו שלאפסט נישט גאנצעטע נעכט פון אנגעצויגנקייט וכו׳, און עס קומט דיר ארויף אלעס וואס מען האט מיט דיר געטון אלץ קינד וכו׳, ער האט מיר געבעטן אז איך זאל דיר שרייבן אפאר ווערטער.

דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות אמונה, חלק ב׳, סימן יז): ״מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִישֹׁן, יַעֲלֶה עַל מַחֲשַׁבְתּוֹ אֱמוּנַת תְּחִיַּת הַמֵּתִים״, ווער עס קען נישט איינשלאפן, זאל טראכטן פון תחיית המתים; לכאורה, וואס האט תחיית המתים מיט דעם אז מען קען נישט איינשלאפן? נאר געוועגליך ווען מען וויל איינשלאפן הייבט מען אן טראכטן אלע שרעקעדיגע זאכן, און עס הייבן אן קומען דמיונות - מען טראכט ׳וואס וועט זיין?׳

׳אפשר גיי איך שטארבן וכו׳ וכו׳?׳ אויף דעם זאגט דער רבי, טראכט פון תחיית המתים, אז ביים סוף וועט זיין גוט, און אפילו מען גייט שטארבן גייט מען אויפשטיין תחיית המתים.

איך וויל אז דו זאלסט וויסן, אמת טאקע פון איין זייט האסטו א שווער לעבן, און עס קומט דיר ארויף אלע שלעכטע זאכן וואס מען האט מיט דיר געטון אלץ קינד, דיינע עלטערן האבן דיר זייער אראפ געקלאפט, מען האט דיר צעבראכן עמאושענעל; זאכן וואס א מענטש וואס איז דאס נישט אריבער געגאנגען, וועט דאס קיינמאל נישט פארשטיין וכו׳. אבער פון די אנדערע זייט דארפסטו וויסן אז דו האסט געטראפן א מאן וואס ווייניג זענען זוכה צו אזא ערליכע מאן; ער פירט זיך אויף מיט יראת שמים, ער ארבעט שווער צו ברענגען פרנסה, און ער לערנט יעדן טאג זיינע שיעורים כסדרן. איך מיז דיר זאגן אז נישט יעדער איז זוכה צו אזא מאן ווי וואס דו האסט זוכה געווען.

דערפאר אז דו קוקסט ווי דער אייבערשטער האט דיר געהאלפן, דו האסט א טייערע מאן, מיט ליכטיגע קינדער קע״ה, וואס דארפסטו זיך אויף עסן מיט זאכן וואס איז געווען?! חז״ל זאגן (מגילה י:): ״כל מקום שנאמר ויהי, אינו אלא לשון צער״, איבעראל וואו עס שטייט דאס ווארט ׳ויהי׳ - עס איז געווען, מיינט עס, אז עס איז געווען צער, ווייל אז מען קוקט צוריק איז נישט גוט; יעדער האט זיך זיינע שוועריקייטן, אבער אז מען קוקט אויף ווייטער, דעמאלט ווייסט מען אז עס גייט זיין גוט, ווערט מען פרייליך, ״אין והיה אלא לשון שמחה״ - עס גייט זיין גוט.

דאנק דעם אייבערשטן אויף דיין שיינע לעבן וואס ער האט דיר געגעבן, און בעט אים אויף ווייטער; איך האף אז זומער וועסטו באקומען אסאך חיזוק פון די שיעורים וכו׳.

זיי געזונט און שטארק, און זאלסט האבן אסאך הצלחה.

...

בעזהשי״ת - יום ה׳ פרשת חקת, ה׳ תמוז, שנת תשע״ז לפ״ק

**לכבוד ... ני״ו**

איך פאר אי״ה היינט ארויס צו קעמפ, איך וועל דארט זיין מיטן אייבערשטנס הילף פאר צען וואכן - ביז זונטאג כי תבוא; איך ווייס נאך נישט צי איך וועל האבן א פלאץ דארט אין קעמפ מיט א קאמפיוטער צו שרייבן יעדן טאג א בריוו און ענטפערן אויף בריוון.

עס וועט זיין יעדן טאג פאר מעריב א שיעור בספרי רבינו - אכט דרייסיג פונקטליך, אויך וועט זיין פארמיטאג א שיעור אין גמרא - צוויי דרייסיג. שחרית וועלן מיר דאווענען א שעה שפעטער ווי מיר דאווענען אין שטאט, מיר וועלן דאווענען עלף אזייגער, מנחה וועלן מיר דאווענען פיר אזייגער, און מעריב וועלן מיר דאווענען א פערטל צו צען.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פארן געזונטערהייט און צוריק קומען געזונטערהייט, און מיר זאלן זיך קענען אנגרייטן פאר די הייליגע טעג; ווייל אזוי ווי מיר קומען אהיים פון קעמפ פארן מיר גלייך צום הייליגן רבי׳ן קיין אומאן אויף ראש השנה. מיר קומען אהיים זונטאג כי תבא, און מיר פארן שוין קיין אומאן גלייך דעם קומענדיגן זונטאג האזינו, מיטן אייבערשטנס הילף; איך קען שוין נישט אויסווארטן צו גיין צום רבי׳ן און אראפ ווארפן דעם גאנצן פעקל פונעם יאר.

ווען מען טראכט אז מען פארט שוין באלד צום רבי׳ן ווערט שוין גרינגער אויפן הארץ, ווייל מען ווייסט אז מען האט א פלאץ וואו מען קען אראפ ווארפן פון זיך אלע צרות און אלע יסורין וכו׳ וכו׳.

זיי געזונט און שטארק; איך האף דיר צו זען במשך דעם זומער, און אפילו די וואס קומען נישט אין קאנטרי ביי אונז, קענען זיך אריבער כאפן צו א מלוה מלכה, אדער א שיעור אינמיטן די וואך. ווייל עס איז זייער וויכטיג זיך צו דרייען מיט תלמידי היכל הקודש, ווייל א מענטש ווערט נשפע מיט וועם ער דרייט זיך, דער חינוך זאגט (ספר החינוך, מצוה טז): ״אפילו א צדיק גמור, אויב וועט ער זיך דרייען מיט שלעכטע מענטשן, וועט ער ווערן נאכגעשלעפט נאך זיי; און פארקערט אויך, אפילו א מענטש איז א

רשע, אויב וועט ער זיך דרייען צווישן צדיקים און ערליכע אידן וועט ער מיט דער צייט ווערן א צדיק".

דערפאר זאלסטו שטענדיג קומען צו שיעורים וכו', אפילו דו טראכסט ביי זיך אז דו דארפסט עס נישט האבן, דו ווייסט שוין אלעס וכו' וכו'; דאס איז אלעס פונעם יצר הרע וואס ער וויל אויסרייסן א מענטש, אז ער זאל מער נישט קומען צום צדיק. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן עב): "דאס וואס מען זעט, אז ווען א מענטש קומט אן צום צדיק פאלט אויף אים אן עצבות, און ער הייבט אן טראכטן 'פארוואס בין איך געקומען וכו'?' זאגט דער רבי, אז דאס קומט וויבאלד ער איז יעצט געווארן א גדול מחברו - ווייל ער איז געקומען צו גיין צום צדיק - ווערט שוין יצרו גדול הימנו, דערפאר דארף ער אריבער גיין גרעסערע נסיונות וכו'.

זיי געזונט, און שטארק דיך, און זע צו שטארקן דיין ווייב; א פרוי דארף גארנישט - נאר א מאן וואס געבט איר גוטע ווערטער און הערט איר אויס.ליידער ליידער פירן זיך אינגעלייט נישט אויף אזוי ווי עס דארף צו זיין, און אנשטאט מען זאל פארברענגען אין שטוב מיט די ווייב, זיצט מען ביינאכט אין גאס מיט חברים שעות אויף שעות, און מען פארברענט נעכט אויף נעכט מיט פוסטע שטותים, אבער ווען א מענטש וואלט נאר געהאט א טראפעלע שכל, וואלט ער צו זיך געטראכט 'איין מינוט, וואס טו איך דא? פארוואס גיי איך נישט אהיים צו מיין ווייב און קינדער? וואס וועל איך האבן פון די אלע שמועסעלעך? וואס וועל איך האבן פון די אלע כלומר'ישע חברים וואס בין יום ולילה קענען זיי מיר מער נישט וכו' וכו'?'

איך דארף אהיים גיין העלפן וכו', און איך פאר שוין; בלייב'זשע מיר געזונט און שטארק.

...